בס"ד

# הצלת

# עיר הקודש קרית יואל

די גורל'דיגע שיידוועג אין וואס קרית יואל שטייט יעצט,
די עתיד פון אונזערע דורות און פון אונזערע הייליגע
אידישקייט פרינציפן וועלכע ליגן יעצט אויפ'ן וואגשאהל.

## "ווען נישט קרית יואל האב איך גארנישט אויפגעטוהן אויף די וועלט"

(לשון רביה"ק זי"ע)

# חסידי סאַטמאַר זענען מתפלל פאַר הצלחה פון ווייטערדיגע אַרגינעלקייט פון עיר הקודש "קרית יואל" אויפ'ן דרך פונעם מייסד הקרי' זי"ע

**נאָך פערזענליכע שליחות מיט בקשת הקודש פון מרא דאתרא כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א צו כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ-וויליאַמסבורג שליט"א**

קרית יואל. - חסידי סאַטמאַר אומעטום קוקן אַרויס מיט האָפענונג און זענען מרבה בתפלה פאר דעם ווייטערדיגן קיום און המשכה פון די הייליגע שטאָט "קרית יואל" כפי רצון קדשו ומאוויו פונעם מייסד הקרי' מרן רביה"ק זי"ע, נאָכדעם וואָס דער מרא דאתרא כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א האָט געשיקט א פערזענליכער בקשת הקודש צו כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ-וויליאַמסבורג שליט"א, איבער די געפלאַנטע נייע קרי' וואָס ק"ק וויזשניץ-וויליאַמסבורג פלאַנירט אין די גרעניצן פון די שטאָט קרית יואל.

## "קרית יואל" א סאַטמאַרער פעסטונג

ווי שוין באַקאַנט, האָט ק"ק וויזשניץ-וויליאַמסבורג בראשות כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ-וויליאַמסבורג שליט"א, אָנגעהויבן שוין א צייט צוריק צו באַטראַכטן פלענער, אויפצובויען א קרי' מיוחד פאר די חסידים פון רבי'ן שליט"א, זיך צו קענען האַלטן צוזאַמען כאיש אחד בלב אחד, אויפ'ן שטייגער פון די שטעט און שטעטלעך פון אַנדערע קהלות קדושות בישראל, זיך צו פירן לויט די דרכים און מנהגים פון די צדיקי בית וויזשניץ לדורותיהם.

מיט א צייט צוריק האָבן אָנגעהויבן צו קורסירן פאַרשידענע קלאַנגען איבער די שטחים וואָס ק"ק וויזשניץ-וויליאַמסבורג האָט אָפגעקויפט אין די גרעניצן פון "קרית יואל המורחבת" מיטן פלאַן דאָרט אויפצובויען דעם ישוב, א באַדייט פון א צאָל תושבים וואָס וועלן וואוינען אין די גרעניצן פון קרית יואל, און וועלן כמובן זיך פירן לויט די הנהגה און מסורה וואו זיי האָבן מקובל פון זייערע רבי'ס און צדיקים מדור דורים.

ביי חסידי סאַטמאַר בכלל, און צווישן תושבי קרית יואל בפרט, ובמיוחד צווישן די ערליכע תושבים אין די געגענטער פון "קרית יואל המורחבת" האָט עס גלייך געהויבן ברעמען, נאָכדעם וואָס ס'איז פאַרשטענדליך אַז טראָץ ס'איז די רעדע פון אַן ערליכע חסיד'ישע קהלה, קענען די תוצאות דערפון זיין גאָר געפאַרפול פאר דעם אייגנאַרטיגן צביון מיט וואָס קרית יואל איז באַקאַנט איבער דער גאָרער וועלט, אַלס דער סאַטמאַרער פעסטונג, א שטאט וואָס איז ב"ה אויסגעשטיגן אַלס דער וועג-ווייזער פון פשרה'לאָזער אידישקייט עד קצה האחרון, א שטאָט וואו יעדעס וואָרט

פונעם מייסד הקרי' מרן רביה"ק זי"ע איז יעדן מחייב, און דער גאַנצער מהלך החיים איז אויסגעשטעלט דייקא לויט די הנהגות און הדרכות פונעם רבי'ן וואָס איז נר לרגלם פון די תושבים במשך כל הימים.

ס'איז פאַרשטענדליך פאר יעדן אַז עס איז בכלל נישט די רעדע איבער וועלכע קהלה עס איז, ובפרט ווען עס איז די רעדע פון די וויזשניץ-וויליאַמסבורגער קהלה, מיסודו פון כ"ק אדמו"ר הגה"ק בעל תורת מרדכי מוויזשניץ זצ"ל, על פי דרכו של אביו כ"ק אדמו"ר הגה"ק בעל אמרי חיים מוויזשניץ זצ"ל, וואָס די חברי הקהלה האַלטן זיך אַלע תחת דגלו והדרכתו פונעם מנהיג העדה כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ-וויליאַמסבורג שליט"א, כולם אחד נודעים לשם ולתהלה, אַלס חסידים ואנשי מעשה, יראי ה' וחושבי שמו, ציילנדיג זיך צווישן די שענסטע חסיד'ישע קהלות אינעם עיר ואם בישראל וויליאַמסבורג המעיטרה.

אָבער ווי דערמאַנט, איז עס בכלל נישט די רעדע פון די קהלה זעלבסט. עס איז די רעדע פון דעם עצם מציאות, אַז פרעמדע קהלות זאלן קומען קיין קרית יואל, און דאָרט איינפירן זייערע תהלוכות החיים לויט די דרכים ווי מען האָט מקבל געווען פון זייערע רבי'ס, קען ח"ו ברענגען א רוחניות'דיגע סכנה פאר דעם גאַנצן ישוב קרית יואל, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן מיט מסירת נפש ממש דורכ'ן מייסד הקרי' מרן רביה"ק זי"ע.

דער בקשת הקודש פון רבינו שליט"א, קומט נאָך א לענגערע תקופה ווען די פלענער איבער דעם נייעם ישוב האָבן אָנגעהויבן זיך צו וועבן, וואָס שוין דאַן, נאָך איידער מ'האָט געברענגט דעם ערשטן טראַקטאָר אויפ'ן שטח, זענען די ראשי הקהלה בקרית יואל שוין געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די ראשי הקהלה דק"ק וויזשניץ, בעטנדיג בפקודת הקודש פונעם רבינו שליט"א, אַז מען זאָל נישט ווייטער אינוועסטירן אין דעם פראָיעקט וואָס קען זיין אַזאַ שטאַרקע סכנה פאַר'ן עתיד פון קרית יואל, ובפרט זייענדיג אַזאַ שאַרפער קעגנזאַץ צו דרכו ורצונו פונעם מייסד הקרי' מרן רביה"ק זי"ע.

עס איז נישט דאָ דאָס פלאַץ אַריינצוגיין באריכות איבער דעם מסירת נפש וואָס מרן רביה"ק זי"ע האָט אַלע יאָרן געהאַט, ביים בויען די קרי' נאמנה "קרית יואל" מיטן איינעם ציל, צו בויען א ישוב אָפּגעזונדערט נישט בלויז פון די גוי'שע גאַס, נאָר אויך אָפּגעזונדערט פון די אידישע גאַס, א ישוב וואָס זאָל סימבאָליזירן "סאַטמאַר" און אַלעס וואָס סאַטמאַר שטעלט מיט זיך פאר.

## ושבור עולינו מעל צוארינו

במשך די לעצטע אַריבער פופציג יאָר וואָס קרית יואל גייט אן, איז די שטאָט ב"ה געשטיגן און געבליט אויף אַן אויסטערלישן פאַרנעם. געגוג און נאָך מאָל האָט אויסגעקוקט אַז קרית יואל גייט דורך קריזיס'שע צייטן, סיי בגשמיות און נאָך מער ברוחניות, ווען פאַרשידענע שטרעמונגען פון מכם ובכם ליידער, האָבן אונטערגעשטעלט

פאַרשידענע שטרויכלונגען, גרעסערע און קלענערע, וואָס זענען געווען אומשטאַנד צו ברענגען א רוחניות'דיגע כלי' אויף די גאַנצע האָראָוואַניע פון מרן רביה"ק זי"ע. אָבער מ'האָט אַלץ גענזען דעם כחו וזכותו של אותו זקן, ווי קרית יואל האָט זיך ב"ה מתגבר געווען אויף אַלע שטרויכלונגען, און איז ווייטער געשטיגן און געבליט אויף אַזאַ הערליכן פאַרנעם.

מיט עטליכע יאָר צוריק, האָט מען זיך פריש דערזען מיט א נייע שטרויכלונג וואָס באַדראָעט דעם עתיד פון קרית יואל, און דאָס איז געווען דורך א צאָל תושבים וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן אין די אַרומיגע געגענטער אַרום קרית יואל, וואָס אייגנטליך, דער מערהייט פון די תושבים אין די אַלע געגענטער, זענען ווארילע חשוב'ע משפחות וואָס האָבן געזוכט א רואיגן ווינקל וואו צו קענען לעבן מער מיט הרחבת הדעת, אָבער טאַקע מיטן ציל מרחיב צו זיין די גבולי' הקדושה פון "קרית יואל" ביז אַהין, ביז די אַלע געגענטער, אַזוי צו קענען געניסן פון די רוחניות'דיגע בענעפיטן וואָס קרית יואל שטעלט מיט זיך פאַר, און גלייכצייטיג אַרומגענומען מיט די אַנדערע בענעפיטן וואָס די הייזער אין די געגענטער שטעלן מיט זיך פאַר.

אַנדערע זענען אָבער געווען וואָס האָבן - ליידער - געהאַט פאַר זיך גענצליך אַנדערע צילן, טאַקע פון איין זייט צו לעבן מיטן גשמיות'דיגן הרחבת הדעת פון די געגענטער, אָבער אין די זעלבע צייט ח"ו אַראָפּצואוואַרפן פון זיך דעם א. ג. "יאָך" וואָס קרית יואל שטעלט מיט זיך פאַר. אַזעלכע וואָס האָבן געזוכט, אָפּן און באַהאַלטן, צו פאַרוואַנדלען קרית יואל אַלס אַן עיר פרוצה, א שטייגער ווי מאָנסי און נאָך, א שטאָט וואו יעדער וואוינט פאר זיך, יעדער קען טון מה שלבו חפץ, אָן צו זיין אונטערגעוואָרפן די יסודות פון קדושה, צניעות, ערליכקייט און התבדלות מרשעים אויף וואָס קרית יואל איז געבויט.

הגם אַז עס איז מובן לכל אַז פאַר דעם ציל אויס וואָלט פיל לייכטער געווען זיך צו באַזעצן אין נאָך ווייטערדיגע געגענטער וואָס גרעניצט זיך בכלל נישט מיט קרית יואל, וואָס דאָרט, זייענדיג ווייט פון אויג, אָן קיינעמס רוחניות'דיגע אויטאָריטעט העכער זיך, וואָלט פיל לייכטער געווען דאָרט צו קענען טון וואָס נאָר מען וויל. האָבן אָבער די תושבים דייקא אויסגעקליבן צו וואוינען נאָענט צו קרית יואל, און ווי נענטער אַלס בעסער, וועלנדיג קענען געניסן אויך פון אַלע סאָרט בענעפיטן וואָס מען האָט פון אַן עקזעסטירענדע שטאט. מ'האָט געזוכט צו קענען זיין נאָענט צו די בתי מדרשים, מוסדות התורה והחינוך, געשעפטן, דאָקטאָר-אָפּיסעס, און נאָך און נאָך וואָס איז שוין עטאַבלירט געוואָרן אין קרית יואל במשך די אַלע יאָרן, נאָר נאָך דערצו אויך צו קענען געניסן פון דעם הפקר'דיגן לעבן אָן קיין שום רוחניות'דיגע אויטאָריטעט מיט וואָס קרית יואל איז דייקא יאָ באַקאַנט.

## והי' ראשיתך מצער

עס האָט דערמאַנט ביי די עלטערע תושבים, וויאַזוי קרית יואל איז בעצם

אַנטוויקלט געוואָרן, ווען די תושבים זענען מיט פופציג יאָר צוריק אַרויסגעקומען קיין קרית יואל, וועלכע איז דאַן געווען א ריכטיגער "ארץ לא זרועה" במלא מובן המלה. קרית יואל האָט "גאָרנישט" פאַרמאָגט, סיידן דירות, און א בית המדרש'ל פאַרשטופט אין איינס פון די קעלערן פון די דאַן-נייע בנינים אין די רויטע הייזער פון קרית יואל.

א סקרוך גייט דורך אין די ביינער ווען מען דערמאַנט זיך פון די חבלי לידה וואָס קרית יואל איז דורך, סיי גאַנץ אין אָנהייב, און סיי היבש יאָרן שפּעטער, ווען מען האָט זיך אַזוי געמוטשעט אויף טריט און שריט. אָפּגעזען פון די צרות וואָס מען האָט זיך אָנגעליטן פון די אומגינסטיגע שכנים, נאָר בעצם איז געווען שווער אויף טריט און שריט. רוב רובם פון די נייע תושבים האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון די שטאָט, פון וויליאַמסבורג אָדער פון באָראָ פּאַרק, וועלכע זענען דאַן שוין געווען הערליך-אַנטוויקעלטע ישובים, מיט געשעפטן צו יעדע טריט, בתי מדרשים אויף יעדע גאַס, מוסדות התורה פאר די קינדער און נאָך און נאָך.

דאָס אַלעס האָט קרית יואל "נישט" פאַרמאָגט. דאָס איינציגסטע וואָס קרית יואל האָט יאָ פאַרמאָגט, איז געווען די אויסטערלישע זכי' וואָס יעדער האָט געשפּירט, אַז מען בויט א רוחניות'דיגן עתיד פאר זיך און פאר די קינדער, אן עתיד צו קענען מגדל זיין ערליכע אידישע דורות, ווייט אַוועק פון די שרעקליכע איבלען מיט וואָס די שטאָטישע גאַסן זענען אָנגעפולט, און בעיקר אן עתיד צו קענען מגדל זיין ערליכע אידישע דורות גענוי' אויפ'ן דרך וואָס דער מייסד הקרי' מרן רביה"ק זי"ע האָט געמאָנט און געפאָדערט אַלע יאָרן בלי שום שינוי כל דהוא.

ועל כולם איז עס געווען די אויסטערלישע זכי' וואָס מען האָט געהאַט, צו קענען וואוינען בקרבת מקום צוזאַמען מיטן מייסד הקרי' רביה"ק זי"ע, מ'האָט געוואוסט אַז מיט דעם פּירט מען אויס רצון קדשו אויף וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק אַרויסגעקוקט כמעט פון די ערשטע מינוט וואָס ער האָט באַטראָטן דעם אַמעריקאַנער באָדן, און אַז מען האָט די זכי' כסדר אַריינצוכאַפּן נאָך א מינוט און נאָך א געלעגענהייט, נאָך א תפלה און נאָך א א בליק אויף צורת קדשו פון רבי'ן זי"ע מקירוב מקום ולבב.

אָט דאָס איז געווען וואָס עס האָט געגעבן דעם כח און קראַפט זיך צו שטאַרקן אויף אַלע שווועריגקייטן וואָס קרית יואל איז אויסגעשטאַנען מיום הוולדה און נאָך פריער, ועל כל הקישוים תכסה האהבה וואָס מען האָט געהאַט צו אָט דעם הייליגן מקום.

ביסלעכווייז האָט קרית יואל זיך געבויט. א שטיינדל אויף א שטיינדל, א ציגל אויף א ציגל, נאָך א בנין פאר די מוסדות, נאָך א געשעפט, און נאָך איינס, ביז קרית יואל שטעלט מיט זיך פאר וואָס זי איז ב"ה ביים היינטיגן טאָג, א הערליכער שפּרודלדיגער ישוב מיט אַלע באַקוועמליכקייטן, געהויבן ברוחניות און באַקוועם בגשמיות, מיט טויזנטער תושבים, און צענדליגער טויזנטער

נפשות וואָס פירן זיך אַלע אויפ'ן דרך הסלולה פונעם מייסד הקרי'.

אָט דעם כח הקדושה זענען געווען מאַנכע וואָס האָבן דאָס געזוכט צו צוברעכן ח"ו היל"ת, און האָבן אויף דעם געצילט ביים זיך באַזעצן אין די געגענטער אַרום קרית יואל, אָן דעם וואָס מען זאָל זיין גרייט דורכצוגיין די אַלע מאַטריאַליסטישע שוועריגקייטן וואָס א נייער ישוב ברענגט מיט זיך.

## קרית יואל איז "איינס"

ווייטער איז נישט דאָ דאָס אָרט אַריינצוגיין באריכות אין דעם גאַנצן ווייטאָגליכע אַנטוויקלונג, אָבער דאָס איז געווען דער מציאות וואָס מען האָט געזען מיט די אויגן, און נאָך מער, מ'האָט דאָס געהערט אָפן, קלאָר און דייטלעך פון די יעניגע וועלכע האָבן בכלל נישט געזוכט צו באַהאַלטן זייערע צילן און מאָטיוון. די פלענער זענען געווען פונקטליך אויסגערעכנט אַז די שטחים פון די אַרומיגע געגענטער, זענען פי כמה גרעסער ווי די שטחים פון קרית יואל זעלבסט, און איינמאָל די שטחים וועלן זיין באַזעצט וועט עס "איינשלונגען" די אָרגינעלע קרית יואל, מיט אַלעם וואָס קרית יואל טראָגט מיט זיך, היל"ת.

די פלענער זענען געווען קלאָר און קראַנט, וואָס מען האָט אָבער וואַרשיינליך נישט גענומען אין באַטראַכט איז געווען דאָס, אַז קרית יואל איז ב"ה נישט קיין שטח הפקר. קרית יואל פאַרמאָגט ב"ה א רוחניות'דיגער אויטאָריטעט, זייענדיג אונטערגעוואָרפן אונטער די ערליכע הנהגה פונעם מנהיג העדה ומרא דאתרא כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וואָס שוין גאַנצע פערציג יאָר וואָס דער רבי שליט"א איז נתמנה געוואָרן דורך מרן אביו רביה"ק בעל ברך משה זי"ע ביי ווען קרית יואל איז געווען כבבת עיניו הטהורים, וחזקה על שליח עושה שליחותו, איז רבינו שליט"א עומד על משמרתו משמרת הקודש, צו האַלטן דעם עינא פקיחא אַז קרית יואל זאל בלייבן אָרגינעל ווי עס איז נתייסד געוואָרן, און רבינו שליט"א צוזאַמען מיט די געטרייע חברי הנהלת הקהלה והקרי' האָבן געטון וואָס נאָר מעגליך אַז קרית יואל זאל טאַקע אַזוי בלייבן, טראָץ די פּרוואוון פון אַנדערע, אָפענע און באַהאַלטענע, וואָס האָבן געזוכט דאָס צו צוברעכן ח"ו.

גאַנצע אַרטיקלען און אפילו ביכער, וואָלט מען געקענט שרייבן און דערציילן, וויפיל רבינו שליט"א האָט במשך די לעצטע יאָרן געאַרבעט מיט אַלע מיטלען צו פאַרזיכערן אַז דער כח הקדושה וואָס קרית יואל טראָגט מיט זיך, זאָל ח"ו נישט פאַרמינערט ווערן, און אויב איז דער מציאות אַז די געגענטער אַרום קרית יואל ווערן באַזעצט אויפ'ן חשבון פון די בענעפיטן וואָס קרית יואל טראָגט מיט זיך, האָט מען פאַרזיכערט אַז די אַלע געגענטער זאלן טראָגן מיט זיך דעם חן און כאַראַקטער וואָס קרית יואל זעלבסט טראָגט מיט זיך, מיט געוני די זעלבע הנהגות, געוני די זעלבע סטאַנדאַרטן אָן קיין שום שינוי ווי אין קרית יואל זעלבסט.

איינמאָל און נאָכאַמאָל האָט רבינו שליט"א דאָס מכריז געווען בפומבי אין

קרית יואל, און פריוואַט פאר די איינוואוינער פון די געגענטער, אַז "והי' המשכן אחד" קרית יואל האָט "נישט" קיין שכנים, ווייל אַלעס אַרום איז איינס און דאָס זעלבע ווי קרית יואל. די הכרזה איז געווען זייער קלאָר און אָפן, מ'קען נישט וואוינען אין קרית יואל, געניסן פון די גשמיות'דיגע בענעפיטן פון קרית יואל, און אין די זעלבע צייט אַהערשטעלן א טאָפּלטן רוחניות'דיגן סטאַנדאַרט, איינצושטעלן אַן הנהגה וואָס איז געגנצליך אין קעגנזאַץ צו די רוחניות'דיגע הנהגה אין קרית יואל.

די ערליכע תושבים אין אַלע געגענטער פון "קרית יואל המורחבת" האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט, מיטהאַלטנדיג די אַנטוויקלונגען פונדערנאָנט, ווי די אַלע געגענטער הייבן ווייטער אָן צו שפּרודלען מיטן קרית יואל'ער חן, מיטן קרית יואל'ער סטאַנדאַרט, אָפּגעהיטן פון דעם הפקרות'דיגן צוגאַנג וואָס מען האָט ח"ו געזוכט אַרויפצוצווינגען אויף די ערליכע תושבים.

ב"ה די פעולות פון רבינו שליט"א מיט די מיטאַרבעט פון די עסקנים הדגולים האָבן ב"ה עושה רושם געווען, און די געגענטער פון קרית יואל המורחבת טראָגן ווייטער דעם זעלבן כאַראַקטער ווי אין צענטער פון קרית יואל, מלא קדושה, צניעות און ערליכקייט, און גלייכצייטיג מיט די זעלבע פּראָבלעמען און שוועריגקייטן מיט וואָס מען מוטשעט זיך אויך אין קרית יואל זעלבסט, ווי דער רבי שליט"א דערמאַנט כסדר, אַז דער שטן האָט פון קרית יואל אויך נישט פאַרגעסן... און מען דאַרף כסדר שטיין על המשמר קעגן די איבלען פון די גוי'שע אָדער גאָר אידישע גאַס וואָס כאַפּן זיך אַריין ביים ציבור.

# אנזעבארע סכנה פאר קרית יואל

צוריק צום דערמאַנטן נושא, ווען עס איז געקומען די ידיעה אַז א חשוב'ע קהלה בישראל באַטראַכט פלענער פון אויפשטעלן אַן אייגענעם ישוב אין די גרעניצן פון קרית יואל המורחבת, וואָס טראָץ ווי דערמאַנט, איז די רעדע פון א קהלה קדושה בישראל, אַן ערליכע חסיד'ישע קהלה, א ברכה צו מאַכן אויף די אינגעלייט און בחורים פון די קהלה, איז אָבער געווען דער מציאות, אַז דייקא די וואָס זוכן אַז דער כח הקדושה פון קרית יואל, דער כח פון צניעות און ערליכקייט זאל ח"ו צובראָכן ווערן, דייקא די האָבן געזען אינעם קיום פון דעם נייעם ישוב, א פרישע מעגליכקייט צו קענען נאָנטקומען צו זייערע צילן, נעמליך צו פאַרוואַנדלען קרית יואל אַלס אַן עיר פרוצה חומה.

עס איז נישט דאָ דאָס אָרט אויפצואוויקלען דעם גאַנצן השתלשלות, מיט וויפיל דמיונות און שקרים די א. ג. עסקנים פון קרית יואל המורחבת האָבן ליידער אַריינגעדרייט די עסקנים און עומדים ראשים פון יענע קהלה, ווי עס האַלט ביז צום היינטיגן טאָג, אַלעס צו באַהאַלטן די פערזענליכע אינטערעסען וואָס די יעניגע עסקנים האָבן, צו פאַרוואַנדלען קרית יואל אַלס א הפקר'דיגע שטאט, היל"ת.

די אַרבעט וואָס מען האָט אַריינגעלייגט אַלע יאָרן זינט דעם התייסדות פון קרית

יואל, און די אַרבעט וואָס מען ספּעציעל אַריינגעלייגט אין די לעצטע יאָרן, צו פאַראייניגן קרית יואל מיט די געגענטער אַרום, אַזוי אַרום צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת דעם המשכת כח הקדושה, איז געווען אַלעס מיטן ציל, צו פאַרזיכערן אַז יעדע הנהגה און יעדע ריר איז גענצליך "ריין סאַטמאַר" אַלעס לויט די הנהגות און מסורה וואָס מרן רביה"ק זי"ע האָט מקבל געווען בבית אבותיו הק', אַלעס צו פאַרזיכערן אַז די שטאָט בלייבט ווייטער אויף די ערליכע הנהגה ווי דער רבי האָט געוואָלט.

אַסאַך קהלות קדושות בישראל זענען פאַרהאַן, אָבער "סאַטמאַר" איז פאַרהאַן נאָר איינס. יאָ, געוויס זענען פאַרהאַן סאַטמאַרער קהלות אויף פאַרשידענע מקומות, אָבער דער באַגריף פון סאַטמאַר איז איינס, נעמליך זיך צו פירן לויט די יסודות און מסורות וואָס מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע האָט אַוועקגעשטעלט, על פי דרכי התורה וכמסורת בית אבותיו הק'.

יעדער אָפּנויג פון דעם ציל איז א דירעקטע פגיעה אין די מסירת נפש'דיגע צילן וואָס דער רבי האָט געהאַט ביים בויען קרית יואל, און דאָס וואָלט יעדער עררייכט געוואָרן מיטן עטאבלירן אין די גרעניצן פון קרית יואל א פרישע קהלה, וואָס ווי ערליך און ווי חשוב די קהלה איז, איז עס אָבער בכלל נישט "סאַטמאַר". דאָס וואָס ביי יעדן סאַטמאַרער חסיד איז פאַרשטענדליך און נאַטורליך אַז עס קומט אַזוי, איז ביי אַנדערע קהלות נאַטורליך אַז עס קומט אַנדערש, ווי עס שיינט אַרויס אויף פאַרשידענע הנהגות שאכמ"ל, און דער פועל יוצא דערפון וועט זיין, אַז קרית יואל ווערט א הפקר'דיג מקום וואו יעדער קען זיך פירן לויט זיין אייגענע גיסטע און מהלך.

ווען עס איז די רעדע פון די חשוב'ע וויזשניצע קהלה, וועט זיכער זיין דער באַדייט דערפון, אַז די קהלה וועט זיך פירן ערליך און אָפּגעהיטן, אָבער אויפ'ן וויזשניצער שטייגער און מהלך, און פון דאָרט ביזן צוברעכן אַז אַנדערע מכם ובכם פון צווישן תושבי קרית יואל וואָס האָבן ליידער אַנדערע צילן פון בהפקירא ניחא להו, איז זייער א קורצער שפּרונג, ווי יעדער פאַרשטייט אַליינס.

## מסורת בית סאַטמאַר

מען דאַרף נישט מער ווי אָנצוצייגן איבער די מערכה כבידה וואָס כ"ק מרן רבינו שליט"א האָט געפירט מיט עטליכע יאָר צוריק, זיכער צו מאַכן בעזהשי"ת אַז אין אַלע געגענטער פון קרית יואל האַלט מען זיך צום זמן יציאת השב"ק, צום זמן לפי שיטת רבינו תם, אויף וואָס מרן רביה"ק זי"ע האָט - כידוע - פאַרלייגט אויסטערלישע כחות וואָס איז שווער צו דערציילן אין די ראַמען פון א קורצן אַרטיקל, א זאַך וואָס ביי אידן פון אַנדערע קהלות וואָס זענען פון אַלע יאָרן געוואוינט אַנדערש, איז עס בכלל נישט געווען פאַרשטענדליך, מה כל הרעש, פאַרוואָס זאל א מיטגליד פון אַן אַנדערע קהלה זיין פאַרפליכטעט צו די הנהגות פון די סאַטמאַרער קהלה?.

אָן אַריינצוגיין אין דעם גאַנצן נושא ווי אויסגעהאַלטן עס איז יאָ אָדער נישט זיך

צו האַלטן צו אַנדערע זמני כניסת ויציאת היום, איז איינמאָל זיכער אַז מרן רביה"ק זי"ע האָט אויף דעם געפירט א מלחמת חרמה, און איז ממש יצא מגדרו צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת אַז מען האַלט זיך ביי אַלע זמנים כפי שיטתו פונעם רבינו תם, און דאָך איז עס געווען נאַטורליך ביי אַנדערע, אַז דעם רבי'נס הנהגות און דעם רבי'נס כוחות האָט קיין שייכות צו זיי, פרובירנדיג ווייטער זיך צו פירן כפי דרכם והנהגתם פון אַלע יאָרן, ביז ווען עס איז געווען חפץ בידו הצליח פונעם מרא דאתרא כ"ק מרן רבינו שליט"א, צו באַקומען עכ"פ א מונדליכע הבטחה, אַז מען וועט זיך יאָ צושטעלן, עכ"פ אין דער עפענטליכקייט צום זמן הלילה כפי שיטת רבינו תם.

און דאָס איז געווען די רעדע פון בלויז א ישיבה פאר בחורים וואָס מען האָט אויפגעשטעלט אין די געגענט פון קרית יואל המורחבת, און דאָך איז אַזוי שווער אָנגעקומען דאָס איינצופירן. אַצינד ווען עס איז די רעדע פון אויפשטעלן א גאַנצע קרי' מיט איינוואוינער בלויז פון יענעם קרייז, איז אַליינס צום פאַרשטיין וואָס די תוצאות וועלן זיין, וויפיל מען וועט אויף טריט און שריט דאַרפן זיין געצוואונגען צו קעמפן אין קרית יואל איז די און יענע הנהגה הייליג און טייער אויף אַן אופן פון וואָס מען קען זיך בכלל נישט אַוועקרירן אין קיין פאַל, זאָל עס זיין לימוד חומש רש"י מיט מיידלעך, אויפנעמען חברי הכנסת מיט כבוד, התחברות לאגודת ישראל, און נאָך און נאָך, זאַכן וואָס ביי יעדן סאַטמאַרער חסיד ליגט עס אין די בלוט פון קינדווייז אָן, און ביי אַנדערע קרייזן פאַרשטייט מען דאָס ניטאַמאָל, אויב זאָל דאָס ח"ו דורכגעבראָכן ווערן, איז דאָס נישט בלויז אַן אָפּנויג פון די יסודות פון רבי'ן, נאָר גאָר אינעם פלטרין של מלך וואָס דער רבי האָט אויפגעשטעלט בדם לבבו ונפשו, און דער פועל יצא דערפון וועט זיין נאָך ערגער, אַז "קרית יואל" פאַרפליכטעט קיינעם נישט. יעדער קען זיך פירן כפי מה שלבו חפץ, ותוצאותיו מי ישורנה.

אָט דאָס האָט געברענגט, אַז פון די ערשטע מינוט אָן מיט עטליכע יאָר צוריק, זינט ווען עס זענען געמאָלדן געוואָרן די פּלענער, אַז ק"ק וויזשניץ-וויליאַמסבורג פּלאַנירט א ישוב אין די גרעניצן פון קרית יואל, האָבן די ראשי הקהלה והקרי' אויפ'ן דירעקטן באַפעל פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, פּרובירט אויף אַלע וועגן פון שתדלנות בדרכי נועם, צו זען אַז דאָס זאָל נישט צושטאַנד קומען, זעענדיג בחוש ווי אַזאַ זאַך האָט קיין שום מעגליכקייט אַז עס זאָל קענען אַרבעטן, און אַז די תוצאות וועלן זיין נאָר דאָס, אַז אַלע געהויבענע הנהגות אין קרית יואל כפי דרכו פונעם רבי'ן זי"ע, וועט ח"ו ביסלעכווייז אַוועקפאַלן, והי' כלא הי' חס מלהזכיר.

## בקשת ושליחת הקודש

אַצינד פאַרגאַנגענע וואָך דאָנערשטאָג, איז הגה"צ רבי חיים מאיר האַגער שליט"א ראש ישיבת וויזשניץ-וויליאַמסבורג, בנו חביבו פון כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ-וויליאַמסבורג שליט"א, געקומען אויף א באַזוך בבית כ"ק מרן רבינו שליט"א, מקבל צו זיין מברכת צדיק לרגל שמחת נישואי בתו

למז"ט וואָס איז די וואך אָפּגעראָכטן געוואָרן ברוב פאר והדר.

רבינו שליט"א האָט אויפגענומען דעם ראש ישיבה שליט"א מיט גרויס חביבות, און עס האָט זיך דערביי אַנטוויקלט א שיינער שמועס בסיפורים ומנהגי קודש לבית וויזשניץ און נאָך.

דאַן האָט רבינו שליט"א וואַרעם אָנגעוואונטשן מברכותיו לרגל דעם שמת נישואין, און האָט דערנאָך פאַרבעטן די אַרומיגע בני משפחה צו פאַרלאָזן דעם צימער, וועלנדיג פאַרבלייבן אַליינס מיטן ראש ישיבה שליט"א.

דערביי האָט רבינו שליט"א פאָרגעשטעלט פאַר'ן ראש ישיבה שליט"א את כל התלאה וואָס קרית יואל איז דורך במשך די אַלע יאָרן, און ווי מען האָט אַלע יאָרן זיך אַזוי געמוטשעט צו פאַרזיכערן אַז קרית יואל בלייבט אויף דעם סטאַנדאַרט און מצב ווי עס איז ב"ה אַוועקגעשטעלט געוואָרן, א זאַך וואָס וועט כמובן נישט קענען אַזוי בלייבן ווי נאָר אַנדערע קהלות הייבן אָן זיך צו בויען אייגענע ישובים אין סאַמען צענטער פון קרית יואל.

בין השיחים האָט רבינו שליט"א אַרויסגעברענגט, ווי נישט בלויז אַז דאָס איז מובן לכל, נאָר כך נהג טאַקע זקינו הגדול כ"ק אדמו"ר בעל תורת מרדכי מוויזשניץ זצ"ל, וואָס האָט אַזוי געטון הלכה למעשה. דאָס איז געווען ווען די קהלה קדושה נאה וחסודה ק"ק סקווירא, האָט געלופטערט פלענער פון מייסד זיין אייגענע מוסדות התורה אין מאָנסי, האָט דער וויזשניצער רבי זצ"ל זיך דאַן פערזענליך געוואָנדן צו - יבלחט"א - גיסו כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א מיט א בקשה אַז ער זאָל דאָס נישט צולאָזן. די וויזשניצער קהלה און מוסדות אין מאָנסי האָבן דאַן זיך געהאַלטן אינמיטן אַנטוויקלען, און בדעתו הגדולה האָט דער וויזשניצער רבי זצ"ל פאַרשטאַנען אַז דאָס איינשטעלן פרישע חסיד'ישע מוסדות אין די שטאָט וועט זיין א דירעקטער שטער צום כח הקדושה וואָס ק"ק וויזשניץ האָט אַריינגעברענגט אין די שטאָט.

וכך הוה, כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א האָט אָנגענומען די בקשה, און האָט בשעתו טאַקע נישט מייסד געווען קיין אייגענע מוסדות אין מאָנסי, און עס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן במשך אַסאַך יאָרן, ביז מיט די צייט ווען מאָנסי איז געווען א צוציאונגס-קראַפט פאר אידן פון אַלע סאָרט קרייזן, וואָס האָט שוין נישט געגעבן די מעגליכקייט צו קענען אָנהאַלטן דעם צביון אַלס א וויזשניצער ישוב, ווי מען זעט ביים היינטיגן טאָג, וויאַזוי מאָנסי איז אויסגעשטיגן, פון איין זייט טאַקע מיט טויזנטער ערליכע איינוואוינער יראים ושלמים, אָבער פון די אַנדערע זייט אויך אַזויפיל איינוואוינער וועמענס פראָסטע הנהגה עס איז לצנינים בעיניהם פון די ערליכע תושבים, א זאַך אויף וואָס קרית יואל קוקט אַרויס בכליון עינים אַז דאָס זאָל ח"ו נישט פאַסירן אויך צו די שטאָט.

רבינו שליט"א האָט דערביי געבעטן דעם ראש ישיבה שליט"א, אַז ער זאָל איבערגעבן א פערזענליכע שליחות פאר אביו כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ-וויליאַמסבורג שליט"א, אַז מען זאָל נישט

ממשיך זיין מיט די פּלענער פון דעם וויזשניצער ישוב אין די גרעניצן פון קרית יואל המורחבת, און פאַרשפּראָכן אַז די קהלה אין קרית יואל וועט אי"ה צושטיין בעזר ובמעש אַרויסצוהעלפן אַז די וויזשניצער קהלה זאָל נישט האָבן קיין שום שאָדן דערפון, אדרבה מ'וועט צוהעלפן צו טרעפן אַן אַנדערן צוגעפּאַסטן מקום וואו אויפצושטעלן די קרי' נאמנה, אָן דעם וואָס עס זאָל זיין א שטער פאַר'ן רוחניות'דיגן בליה און וואוקס פון די שטאָט קרית יואל.

בין השיחים האָט דער רבי שליט"א אַרויסגעברענגט די מסירת נפש'דיגע כוחות וואָס מרן דודו רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האָט אַריינגעלייגט במשך אַלע יאָרן, אַהערצושטעלן די שטאָט קרית יואל, א זאַך וואָס איז אים אָנגעקומען בדמי"ם תרתי משמע, און עס איז זיכער אַז בגנזי מרומים איז ער ווייטער עומד על המשמר אַז מען זאָל ח"ו נישט צוברעכן דעם כח הקדושה פון קרית יואל, וכמרגלא בפומי' פונעם רבינו שליט"א אַז "דער פעטער איז געווען א גברא דקפדנא" וואָס מען דאַרף זיך היטן דערפון, והוה זהיר בגחלתו שלא תכוה.

רבינו שליט"א האָט אויסגעפירט מיט א וואַרעמע ברכה פאַר'ן ראש ישיבה שליט"א, און אים דערנאָך אַרויסבאַגלייט מיט גרויס כבוד.

## עומדים ומצפים

דער בקשת הקודש פון רבינו שליט"א האָט געהאַט א שטאַרקן אָפּקלאַנג, און מטעם די ראה"ק דק"ק קרית יואל, שטייט מען ווייטער אין פאַרבינדונג מיט די ראשי הקהלה פון ק"ק וויזשניץ, איבער די ווייטערדיגע פּלענער פאר די געפּלאַנטע וויזשניצער קרי' אויף אַן אַנדערן מקום, אָן דעם וואָס עס זאל אַפעקטירן דעם רוחניות'דיגן צביון פון קרית יואל.

אידן איבער די וועלט בכלל, ובפרט תלמידי וחסידי סאַטמאַר אומעטום זענען עומדים ומצפים צו הערן די ווייטערדיגע אַנטוויקלונגען, מיט א טיפע האָפענונג און בקשה, אַז די פאַרשטענדליכע בקשה פון רבינו שליט"א זאל ערפולט ווערן, דערמיט צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת אַז קרית יואל מיט אַלע אירע געגענטער שטייגן און בליען ווייטער לשם ולתפארת כפי רצון קדשו פונעם מייסד הקרי' מרן רביה"ק זי"ע, ולאורו נסע ונלך עד ביאת הגואל בקרוב.

## ווייטער ווי א "תחום שבת"

מרן רביה"ק הדברי יואל זי"ע האָט ביים בויען זיין שטעטל, געהאַט זייער א קלאָרן ציל, צו בויען א ישוב וואו אַלע תושבים זאָלן זיך פירן אויפ'ן ערליכן תורה'דיגן וועג, וויאַזוי האָט ער געוואָלט מיט אַלע הנהגות און יסודות וואָס ער האָט אַלץ געמאָנט און געפאָדערט, אָן קיין שום השפעה פון אַנדערע קרייזן, יהי' מי שיהי'.

איבער דעם האָט דערציילט הרה"ח רבי אברהם יעקב גלאנצער ז"ל וועלכער איז געווען שטארק אקטיוו מיט'ן זוכן שטחים וואו צו בויען דעם רבי'נ'ס "שטעטל".

האָט ער דערציילט, אַז ער איז איינמאל אין די תקופה ווען מען האָט אַזוי שטאַרק געזוכט א פּאַסיגן שטח פאר די שטאָט קרית יואל, איז ער געקומען צום רבי'ן זי"ע פריילּיכערהייט, און האָט מודיע געווען פאַר'ן רבי'ן אַז ער האט געטראפן א גוטן שטח ערגעץ אין ניו יאָרק וואו מען קען בויען דעם שטעטל.

נאכ'ן איבערגיין די פרטים האט זיך ארויסגעשטעלט אז מען קען פון דעם שטח גיין צופיס ביז צו אן אַנדערע ערליכער חסיד'ישע ישוב. האט אים דער רבי אים געפרעגט אויב ס'איז ווייט א "תחום שבת" צו גיין ביז אַהין. האט ער געענטפערט אַז יא. האט דער רבי אים געפרעגט צו מיט אן "עירוב תחומין" קען מען יאָ אָנקומען אַהין אום שב"ק. האט ר' אברהם יעקב געענטפערט אַז יא.

האט אים דער רבי געזאגט "אויב אזוי וויל איך עס נישט!" און דער רבי האט אים ערקלערט: "איך קען מיין עולם און אז מען וועט קענען אהינגיין וועלן זיי אלע גיין".

# אַלעס קען קאַליע ווערן

פון די אַנדערע זייט איז כדאי צו ברענגן דעם רבי'נ'ס בליק אויף אַן אייגענעם ישוב, איז געווען דאָס, אַז דער ישוב זאל מחייב זיין יעדן איינעם, זיך צו פירן מיט די דרכי ומנהגי המקום, וואָס נאָר אַזוי קען מען זיין זיכער אַז מען האַלט זיך צו די ערליכע דרכים.

איבער דעם דערציילט הרה"ג רבי בנציון פעלדמאַן שליט"א מגיד משרים אין מאָנסי א סיפּור נפלא. עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין שיכון סקווירא, אבער ער האט זיך נישט געוואלט צושטעלן געהעריג צו די הנהגה אין סקווירא, און מען האט אים דארט ענג געמאכט דאס פלאץ. איז דער איד אריינגעגאנגען צו מרן רביה"ק זי"ע און האט זיך אפגערעדט אז מען מאכט אים ענג אין סקווירא.

דער רבי האט אים זייער שטארק פארגעהאלטן אויף דעם וואס ער שטעלט זיך נישט צו צום פלאץ וואו ער וואוינט, און ער גייט קעגן דעם רצון פונעם רבי'ן, זאגנדיג בתוה"ד: "די גאנצע הארעוואניע וואס דער סקווערער רבי האט אריינגעלייגט אינעם שיכון קען איין קינד מיט זיינע נארישקייטן קאליע מאכן".

ביז אַהער וואָס עס דערציילט רבי בנציון שליט"א, א מעשה וואָס שטעלט אַזוי קלאָר אַראָפּ דעם רבי'נ'ס יסוד וואָס מען האָט געהערט אויך ביי אַנדערע געלעגנהייטן. דער רבי האָט געהאַלטן קלאָר, אַז אויף א פּלאַץ וואו מען געפונט זיך, דאַרף מען קלאָר זיך צושטעלן צו די מנהגי וסדרי המקום. אויב מען איז נישט

צופרידן, האָט מען די ברירה צו פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ, אָבער נישט בלייבן דאָרט, און זיכער נישט זיך אַרויסצוציען אויף א פּלאַץ מיטן א קלאָרן ציל, זיך גענצליך צו פירן אויפ׳ן אייגענע שטייגער אָן קיין שום פאַרפליכטונג זיך צו האַלטן די מנהגי המקום.

*א מערכה אויף ערובי תחומין*

# קרית יואל לערנט מסכת עירובין...

שרייבן פאר א ציבור איז א גרויסע אחריות.
שוין לאנגע יארן, מדי שבוע בשבוע, בעפאר מיר הייבן אן צו שרייבן דעם מאמר געבן מיר צדקה, באגלייט מיט א באזונדערע תפילה 'שלא נבוש ולא נכלם ולא נכשל', 'היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל', ו'שלא יאמר פינו דבר שלא כרצונינו'. באגלייט מיט א באזונדערע תפילה אז מיר זאלן האבן סייעתא דשמיא צו ארויסגעבן דיבורים וואס זאלן נאר זיין כרצונם.
יא, עס איז א מציאות, אז יעדער שרייבער כהיום איז א שליח ציבור, ער רעדט בשם הציבור, ער ברענגט דעם דעת הציבור.
דער שרייבער איז א משפיע, יא, ער 'מאכט' דעם דעת הציבור, ער 'בויט' אויף א 'דעת הציבור', ער ברענגט פארן רבים געדאנקען וואס צו רעדן און וואס צו טראכטן.
ווי שטארק דארפן מיר אלע מתפלל זיין פאר די שרייבערס אז זיי זאלן האבן די זכי' צו געבן פאר'ן ציבור נאר ערליכע און אויסגעהאלטענע רעיונות.

## א נייעס שרייבער, איז נישט קיין הוגה דיעות

בפרט היינט ווען דאס יונגווארג, אינגעלייט, אינגע פרויען, בחורים, מיידלעך, אלעס ליינט... מ'ליינט אויסגאבעס, מ'ליינט מכל הבא ליד, און יעדער וואס האט נאר א 'טעכנאלאגישן פעדער' אין די האנט איז כהיום א רבי, א רב, א משפיע, (א 'סעלעבריטי' אויפ'ן היינטיגן שפראך) אפגעזען פון זייער פערזענליכן מצב...
גראדע, פארגאנגענע וואך, פרייטאג פארטאגס פרשת יתרו, אריינקומענדיג אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל, האבן מיר באגעגנט א טייערן איד - נישט ווייט פון זיין א בן גבורות - און ער זאגט "כ'האב געזען דעם מאמר איבערן 'דור חמישי' אין אמעריקע, 'דו' ווילסט 'מיר' זאגן וואס איך זאל טראכטן?! און וואס איך זאל מאכן מיין חשבון הנפש?! ניין, דו זאג נייעס, דו שרייב ווייטער די אנטוויקלונגען, און דעם חשבון הנפש לאז איבער פאר מיר אליין"...
אוי ווי לעכטיג, אוי ווי זיס...
דער עלטערער איד זאגט דעם אמת, דער שרייבער זאל זאגן בלויז 'נייעס', און לאזן דעם ליינער 'טראכטן' אליין.
הייליג, לעכטיג.
וויפיל עגמת נפש וואלטן מיר געשפּאָרט ווען די שרייבער זאלן נישט זיין די 'הוגי דיעות' ביים ציבור'.

אבער כרגע, צו אונזער ווייטאג, איז דאס דער מציאות.
לאמיר האפן אז מיר זאלן מצליח זיין צו זאגן עטליכע אמת'ע ווערטער לרצון ולנחת רוח אבותינו ורבותינו הקדושים ז"ל.

## די סוגיא פון 'עירובי תחומין'

מאמענטאל איז די נייעס אז די הייליגע שטאט קרית יואל שרייט 'הצילו'.
די עיר ואם בישראל קרית יואל, די גרעסטע חסיד'ישע שטאט אויפ'ן כדור הארץ, די איינציגסטע סאטמארע שטאט, דערזעט זיך ביי א קריטישן פונקט אין איר אנטוויקלונג.
אין די לעצטע טעג איז ארויס די נייעס אין די גאס, אז 'קרית יואל' ארבעט גאר שווער צו פארזיכערן אירע גרעניצן.
די עיר ואם בישראל וואקסט און בליעט בליעה"ר אויף א גאר שנעלן לויף, מ'איז געקרישט אין א נישט-לאנגע צייט ארום צו מעלדן אז עס האט זיך אריינגעצויגן דער 'צען טויזנטסטער' חסיד'ישער איינוואוינער אין קרית יואל בליעה"ר.
אבער דא איז אריינגעקומען אן 'עמורדשענסי' רוף.
די לעכטיגע הייליגע ערליכע וויזשניצער קהילה פון וויליאמסבורג, שליסט קאנטראקט, און בויעט הייזער אינערהאלב קרית יואל'ס גרעניצן.
די ערשטע קשיא איז? מה כל הרעש?!

**בפרט היינט ווען דאס יונגווארג, אינגעלייט, אינגע פרויען, בחורים, מיידלעך, אלעס ליינט... מ'ליינט אויסגאבעס, מ'ליינט מכל הבא ליד, און יעדער וואס האט נאר א 'טעכנאלאגישן פעדער' אין די האנט איז כהיום א רבי, א רב, א משפיע,** (א 'סעלעבריטי' אויפ'ן היינטיגן שפראך) **אפגעזען פון זייער פערזענליכן מצב...**

וואס שרייט מען "הצילו?!"
וואס האט אזוי שרעקליך פאסירט?! ערליכע וואוילע אידן ווילן וואוינען נעבן די הייליגע שטאט קרית יואל. ווערמען שטערט עס דען?
לית מאן דפליג אז עס איז די רעדע פון אפגעהיטענע טייערע הייליגע אידן, זיי זענען מחנך זייערע קינדער אויפ'ן שענסטן וועג, זיי זענען א טייל פון א הייליגע קהילה לאות ולמופת, עס וואלט אפשר געדארפט זיין א זכי' פאר קרית יואל צו האבן ביים שוועל אזעלכע וואוילע ערליכע שכנים!

## ווער זענען דא די 'דתן ואבירם'?!...

קודם, בעפאר די עצם נושא, דאַרף מען אלעמאל קוקן, ווער זענען דא די שדכנים?!

דאס דארף אלעמאל זיין די ערשטע זאך אויפ'ן געדאנק, מי ומי ההולכים, מי ומי הבוחשים בקדירה.

מ'קען רעדן פון די פרומע און ערליכע קהילה בישראל. אבער ווער זענען דא אונטערן פארהאנג באהאלטן, ווער זענען די 'בעלי אינטערעסן', ווער זענען דא די חברה וואס זוכן אויף יעדן אופן צו ברענגען פרישע שכנים אין קרית יואל?!

זענען דאס אידן מיט ערליכע אינטערעסן וואס מיינען כבוד שמים, און האבן סיי וועלכע דאגה פארן עתיד, און לטובת כלל ישראל, אדער זענען דאס יחידים פון 'מחנה מגושמים', שלוחי הסמ"ך מ"ם, וואס ארבעטן פאר'ן יצר הרע 'רונדע דעם זייגער'?! און זענען מצליח זיך צו דרייען מיט א פאלשע מאסקע אויפן פינסטערן פרצוף.

ליידער איז דער מציאות אז די 'שדכנים', די 'יועצים רע', די וואס זוכן בכל אופן צו ברענגען די אנדערע קהלה נאנט צו קרית יואל, זיי מיינען נישט די רוחניות'דיגע תועלת נישט פון 'סאטמאר' און נישט פון 'וויזשניץ'.

ניין, ניין, זיי האבן נאך מעודם נישט געלייגט קיין פינגער אין קאלט וואסער צו סיי וואס האט מיט אידישקייט, מיט חינוך, מיט יראת שמים, מיט א דאגה פארן עתיד הדורות. אויב עפעס נאר פארקערט.

דאס זענען 'אפרוחים שלא נפתחו עיניהם', קינדערלעך וואס אויסער חלומ'ען פון 'געלט' און 'אמביציעס' ווייסן זיי נאכנישט אז אונזער עולם הרוחני האט נאך עפעס צו פארקויפן, און זיי האבן זיך געשטעלט אלס ציל צו פארוואנדלען 'קרית יואל המורחבת' - און דורך דעם גאנץ קרית יואל - אלס שטח הפקר פאר זייערע אמביציעס.

עס ליגט נאך מער צווישן די שורות, וואס עס דארף - דערווייל - נישט ווערן ארויסגעשריבן ווערן ברבים.

## אן אייגן שטעטל, כעין ארץ ישראל

אבער לאמיר רעדן אפן.

וואס איז די עיקר סיבה פארוואס קרית יואל איז באדראעט ווען ערליכע חשוב'ע שכנים ווילן קומען אזוי נאנט צו אירע גרעניצן?!...

**דער רבי האט אזויפיל געטון אין אמעריקע. אין ארץ ישראל, אין אנדערע מדינות בכל העולם כולו, ער האט געבויט קהילות, מוסדות, מפעלי צדקה וחסד, אויפגעטון לארץ ולדרים, מזכה געווען הונדערטער און טויזנטער אידן, אבער ער האט אלעס געלייגט אין איין נקודה: "אויב האב איך נישט קיין שטעטל האב איך גארנישט אויפגעטון אויף די וועלט".**

די תשובה איז זייער קלאר.
דער הייליגער סאטמארער רבי זלה"ה האט געוואלט האבן א שטעטל.
פון דעם טאג וואס ער איז געקומען קיין אמעריקע, בשנת תש"ז, פון ווען ער איז געוועזן אין סאמערוויל ביי הגה"ק רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זלה"ה, האט ער גערעדט אז ער וויל האבן אן אייגן שטעטל.
פון בעפאר תש"י ביז אלול תשל"ד, 25 יאר האט דער רבי אלעמאל עוסק געווען אינעם שטעטל, ער האט דאס אזוי שטארק געוואלט, ער האט דערויף געארבעט מיט אלע כוחות, און ער האט געזאגט דערויף אזויפיל לשונות, וואס דער סך הכל איז געווען אז ער שפירט אז אלע זיינע פעולות וואס ער טוט אויף די וועלט וועט נישט האבן קיין קיום אויב וועט ער נישט האבן אן אייגענע שטאט.
דער רבי האט אזויפיל געטון אין אמעריקע. אין ארץ ישראל, אין אנדערע מדינות בכל העולם כולו, ער האט געבויט קהילות, מוסדות, מפעלי צדקה וחסד, אויפגעטון לארץ ולדרים, מזכה געווען הונדערטער און טויזנטער אידן, אבער ער האט אלעס געלייגט אין איין נקודה: **"אויב האב איך נישט קיין שטעטל האב איך גארנישט אויפגעטון אויף די וועלט".**
בשנת תשט"ז האט דער סקווערער רבי ז"ל מייסד געווען א שטעטל אין ניו יארק.
עס איז אים אויך נישט אנגעקומען לייכט, מיט זייער אסאך מסירות נפש, שווערע מיליאנען חובות, אומצאליגע עגמת נפש מבית ומבפנים, ביז ער האט מצליח געווען אז עס איז געווארן א 'שיכון סקווירא'.
דער סקווערער רבי האט געשטעלט גדרים וסייגים מי ומי ההולכים, ועד היום הזה, כמעט 70 יאר שפעטער זענען די טויערן היבש פארזיגלט, כדי אז דאס שטעטל זאל בלייבן כפי רצון המייסד, אפגעזונדערט אפילו פון אנדערע ערליכע אידישע קהילות.
במשך די נאכפאלגנדע יארן האט מרן רביה"ק מסאטמאר זלה"ה, עטליכע מאל ארויסגעברענגט זיין 'קנאת סופרים', און דאס חשיבות פונעם סקווערער שטעטל, וואס האט מצליח געווען צו קענען בויען אן אייגענעם 'אינזל' על אדמת אמעריקע, אפגעטיילט 'בין ישראל לעמים', און אויך "בין ישרא"ל לישרא"ל".
עס האט דערציילט הרה"ח ר' מענדל גרשון שווארץ ע"ה, אז אויף די עלטערע יארן האט ער זיך געוואלט ארויסציען פון די ישיבת כרכים קשה, און ער האט געוואלט לעבן רואיג במנוחה אין א אידיש שטעטל, איז ער אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה צו כ"ק רביה"ק מרן זי"ע, ווען דער רבי איז אהיימגעקומען פון ביהמ"ד שפעט נאכמיטאג, און ער האט זיך שואל עצה געווען מיטן רבי'ן צי ער זאל זיך ציען קיין שיכון סקווירא, וואס איז דעמאלטס געווען דער ערשטער חסיד'ישער ישוב אין ניו יארק.
אינמיטן איז אריינגעקומען די רביצין ע"ה, און זי הערט ווי ר' מענדל גרשון זאגט פארן רבי'ן "כ'וויל זיך ארויסציען דארט, צו קענען זיך אויסלעבן די עלטערע

יארן"..., האט זי פארשטאנען אז ער וויל זיך ציען קיין ארץ ישראל, האט זי זיך אנגערופן "ר' מענדל גרשון, איר פלאנט טאקע צו גיין וואוינען קיין ארץ ישראל?".
האט זיך דער רבי אנגערופן **"כעין ארץ ישראל"...**
ר' מענדל גרשון האט טאקע אזוי געטון און ער האט געוואוינט זיינע לעצטע יארן אין שיכון סקווירא...
דער אויסדרוק האט גערעדט פאר זיך וואספארא אויסנאמליכע חשיבות עס האט ביים רבי'ן פארנומען דאס מייסד זיין א ישוב אויסער די שטאט, אפגעזונדערט, על טהרת הקודש, א זאך וואס דער רבי אליין האט אלע יארן משתוקק געווען דערצו, ביז ווען בסוף ימיו האט ער דאס דערלעבט צו זעהן אין אונזער הייליג שטעטל קרית יואל.
ווער עס איז באקאנט, עד היום איז דער סוד ההצלחה פון 'שיכון סקווירא' מיט איר אייגנארטיגקייט - די שווערע הארעוואניע וואס ווערט ארייגעלייגט איבער די 'הבדלה' 'בין ישראל לישרא"ל'. זאל יעדע אידישע קהילה זיך בויען און פארברייטערן ימין ושמאל תפרוצי, נהרא נהרא ופשטי', אבער 'מיין ווינקל' לאז אומבארירט.
"מאנסי" איז א הייליג שטאט, שיין, חסיד'יש, הערליכע תורה ווינקלען איבער די גאנצע שטאט.
אבער, עס איז אויך היינט א מקום פאר כל צרוע וכל זב, יעדער פורץ גדר וואס זוכט צו אנטלויפן פון סיי וועלכע דעת תורה, און וויל אנגיין מיט פריקת עול איז 'מאנסי וגלילותי" א מקום מוכשר.
**ווי געשריגן, אויב קרית יואל זאל ווערן ווי 'מאנסי'.**
טאטע אין הימל, מיר זאלן באהיטן ווערן פון די מחשבות נוראות.

## קרית יואל "לשמי ולזכרי!"

ווען אונזער הייליגער רבי האט אזוי משתוקק געווען אויף א שטעטל, ווען ער האט זיך געבעטן צו די אויסגעמוטשעטע עסקנים אז זיי זאלן נישט אויפגעבן, און ממשיך זיין צו זוכן א שטעטל נאך אלע דורכפעלער, האט ער זיך ארויסגעגעבן מיט לשונות וואס מ'האט נישט געהערט פון אים קיינמאל בעפאר **"איך דארף א שטעטל "לשמי ולזכרי"**.
**"איך האב שוין געטון פאר יעדן, מתי אעשה גם אנכי לביתי".**
דאס שטעטל האט דער רבי געוואלט פאר זיך, פאר זיין קהילה, פאר זיין רצון, פאר זיין דעת תורה, פאר זיינע הדרכות, פאר זיין השפעה, מתי אעשה גם אנכי לביתי.
נאך די אלע אויסטערלישע פעולות וואס דער רבי האט געטון פאר כלל ישראל, איז געווען גאר א 'חידוש', **קרית יואל איז לשמי ולזכרי! אעשה גם אנכי לביתי!**

צו פארזיכערן מיין הארעוואניע אויף אייביג!

מיר האבן געהערט אין די טעג עדות נאמנה פון צוויי עקסטערע אדרעסן, צוויי משפחות יקרות צווישן סאטמארע חסידים, די קינדער פון הרה"ח הישיש רבי הערש אלימלך ווערצבערגער הי"ו, און די קינדער פון הרה"ח ר' דוד פנחס ראזענבערג ע"ה.

זיי זענען ביידע געווען צווישן די ערשטע סאטמארע חסידים וואס האבן זיך ארויסגעצויגן וואוינען קיין מאנסי, בערך תשכ"ו לפ"ק. אין יענע יארן איז נאך מאנסי געווען א קליין ישוב.

זענען זיי דעמאלטס אריין אל הקוש פנימה צו מרן רביה"ק מסאטמאר זלה"ה פרעגן אין וועלכע מוסד זיי זאלן שיקן די קינדער, צי אין די איינציגסטע חסיד'ישע מוסד וואס איז דאן געווען אין מאנסי, וואס דער וויזשניצער רבי ז"ל האט מייסד געווען, אדער אין די ליטווישע מוסד '**בית דוד**'.

צו זייער שטוינונג האט דער רבי געהייסן שיקן די קינדער אין די ליטווישע 'בית דוד'.

דער רבי האט דאס מסביר געווען אז אויב וועלן זיי גיין לערנען אינעם חסיד'ישן מוסד וועלן זיי זיכער ווערן נמשך נאכ'ן רוח המוסד, און די קינדער וועלן פארבלייבן חסידים פון יענע קהילה. משא"כ אז זיי וועלן גיין אין 'בית דוד' וועלן זיי דארט עוסק זיין בתורה, אבער זיי וועלן זיך אלעמאל שפירן פרעמד, זיי וועלן אלעמאל געדענקען אז זיי זענען אנדערש, און נישט ווערן נשפע פונעם מהלך המוסד.

איבריג צו זאגן אז זיי האבן געפאלגט דעם רבי'ן, זיי האבן געשיקט אין 'בית דוד', און משפחת ווערצבערגער, און משפחת ראזענבערג, האבן זוכה געווען אויפצושטעלן חשוב'ע משפחות וואס זענען לשם ולתפארת חסידי סאטמאר עד היום הזה, צווישן זיי חשוב'ע מרביצי תורה בישיבה"ק.

דאס איז א גאר טיפע נקודה, א עצה עמוקה פון א מנהיג ישראל.

צומאל איז א גרעסערע חשש צו זיין נאנט מיט טייערע ערליכע אידן, מיט די נקודות וואס זיי זענען אנדערש, וואס דאס ברענגט אז מ'שפירט נישט קיין הבדלה, און מ'ווערט שנעל נמשך, און דערנאך לאזט מען אפ דעם דרך פון די אייגענע עלטערן.

משא"כ מיט'ן פרעמדן, מיט'ן ליטוואק, מיט'ן מאדערנעם, ולהבדיל א"א הבדלות, מיט'ן גוי, ווילאנג יענער ווערט באטראכט אלס 'אנשים מפורדים', 'זיי זענען אנדערש ווי אונז', קערט מען קיינמאל נישט אן מיט קיין טיפן קשר, און מ'ווערט נישט נשפע.

## רידן דעם רבי'נס ווינקל, הוי זהיר בגחלתו!

**"דער רבי האט געוואלט האבן זיין ווינקל".**

פון א פערזענליכן בליק מעגן מיר זאגן אלס הקדמה.
אונזערע ווייטערדיגע ווערטער האבן א יסוד איתן.
בחסדי ה' האבן מיר זוכה געווען צו לערנען די סוגיא פון 'קרית יואל' בעיון, מיר האבן זוכה געווען צו פארברענגען הונדערטער שעות מיט די גיבורי כח עושי דברו וואס האבן עוסק געווען מיטן רבי'ן צו בויען אן אייגן שטעטל - אדער זיי לערנען מפי כתבם - צווישן זיי: הרה"ח ר' עזריאל גליק משב"ק ע"ה, הרה"ח ר' משה אייזענבערג ע"ה, הרה"ח ר' משה הכהן גליק ע"ה, הגה"ח ר' בן ציון יאקאבאוויטש ז"ל, הרה"ח ר' אברהם יעקב הכהן גלאנצער ע"ה, להבחל"ח הרה"ח ר' חיים הערש ליימזידער הי"ו, ועוד, און מיט סיעתא דשמיא האבן מיר שוין זוכה געווען צו ארויסגעבן פיר בענדער ספרי 'קרית מלך רב' איבער דעם השתלשלות פון דעם רעיון, פעולות, און אויפבוי פון די שטאט קרית יואל.

עס איז קלאר בלי שום ספק וואס דער רבי האט געוואלט, און וואס ער האט באגערט, און פארוואס ער האט זיך אזוי מוסר נפש געווען צו וועלן האבן אן אייגן שטעטל.

אזוי אז עס איז קיין שום ספק נישט אז ווער עס לייגט צו א האנט צו ברענגען קיין קרית יואל סיי וועלכע קהילה, סיי וועלכע קרייז וואס איז נישט דרכם והנהגתם אויסגעבויט לויט'ן ספר הקדוש "**ויואל משה**", און די גאנצע משנתו והוראותיו הברורה פון רבי'ן זי"ע אין יסודות'דיגע הלכות והשקפות, דער שפילט מיט פייער!

דער נעמט די עבודה און יגיעה פון רבינו הקדוש כל ימיו עלי אדמות, און ער מאכט דאס חרוב!

יא, עס איז אמת, דער רבי האט נישט פארלאנגט אז יעדער וואס קומט קיין קרית יואל זאל זיין א סאטמארער חסיד.

דער רבי האט געלאדענט פארשידענע חשוב'ע רבנים צו קומען וואוינען קיין קרית יואל, און עפענען אייגענע בתי מדרשים.

דער רבי האט נישט דייקא געוואלט אז יעדע מנין ראש השנה אין קרית יואל זאל מוזן זאגן ביי ונתנה תוקף 'בנפשו יביא, יביא לחמו', און אפילו נישט זאגן 'ה' מלך' ביי שלש סעודות, דאס איז אים אויך נישט געגאנגען אין לעבן...

**דעם רבי'ן האט נישט געשטערט א מנין אויף 'נוסח אשכנז' אין קרית יואל, אבער מאכן 'מוצאי שבת פאר'ן זמן פון רבינו תם' איז ביי אים געווען פייער!**

**דעם רבי'ן האט נישט געשטערט אן 'אראפגעבויגענע היטל' אין קרית יואל, אבער גיין מיט 'אייגענע האר' איז ביי אים געווען פייער!**

**דעם רבי'ן האט נישט געשטערט א בענדל אויף די רעכטע זייט היט, אבער 'לערנען חומש רש"י מיט מיידלעך' איז ביי אים געווען פייער!**

דער רבי האט יעדן געלאדנט צו קומען קיין קרית יואל, ווייל ער האט געוואלט אז דאס זאל זיין א מקום צו וואוינען פאר יעדן ערליכן איד.
אבער קיינמאל האט דער רבי נישט געוואלט אוועק געבן זיין הנהגה, זיין דעת תורה, זיינע החלטות, זיינע הוראות, פאר קיינעם אויף די וועלט.
**דעם רבי'ן האט נישט געשטערט א מנין אויף 'נוסח אשכנז' אין קרית יואל, אבער מאכן 'מוצאי שבת פאר'ן זמן פון רבינו תם' איז ביי אים געווען פייער!**
**דעם רבי'ן האט נישט געשטערט אן 'אראפגעבויגענע היטל' אין קרית יואל, אבער גיין מיט 'אייגענע האר' איז ביי אים געווען פייער!**
**דעם רבי'ן האט נישט געשטערט א בענדל אויף די רעכטע זייט היט, אבער 'לערנען חומש רש"י מיט מיידלעך' איז ביי אים געווען פייער!**
ועוד ועוד.
די יסודות הדת וואס דער רבי האט אראפגעשטעלט, און ער האט דערויף לוחם געווען דאס איז געווען עפעס פון וואס ער האט זיך נישט גערירט.
און וועגן דעם האט ער געוואלט א שטעטל, פאר דעם האט ער געוואלט גיין מחוץ לעיר, ווייל ער האט געוואלט האבן 'זיין ווינקל', ער האט געוואלט האבן זיין מקום וואס דארט איז ער דער מרא דאתרא, דארט ווערט אויסגעפירט זיינע פסקים, דארט ווערט אויסגעפירט זיין דעת תורה עד קצה האחרון.
אך און וויי איז פאר די נערים המנוערים וואס זענען פארנומען מיט כל מיני הסתות, צו ברעכן דעם רצון צדיק, און שטערן זיין הארעוואניע עלי אדמות, און זיי טרויען זיך צו באהאלטן אונטער'ן שלייער פון ערליכע קהלות קדושות בישראל, צי ס'זאל זיין וויזשניץ, צי אנדערע, וואס ווילן בכלל נישט די מחשבות זרות פון די קליינקעפלדיגע משלחים.

## "ויואל משה" בלייבט פוסק אחרון!

פאר ווער עס וויל בעסער פארשטיין איז כדאי אריינצוגיין אין פרטים.
די הייליגע שטאט קרית יואל איז אין א פאזע בליעה"ר ווען מ'רישט זיך, ווי געזאגט, צו האבן אין אירע גרעניצן גאנץ בקרוב "צען טויזנט אידישע משפחות" בליעה"ר.
די צען טויזנט משפחות כולם כאחד, זענען סרים למשמעתם פון ספר הק' "ויואל משה" אלס פוסק אחרון.
**די צען טויזנט משפחות, זענען בעניני אמונות ודיעות, ריין פון ציונות, ריין פון אגודה, און ווילן נאר וויסן אויף יעדן ריר, יעדע הלכה, יעדע מנהג, "וואס דער רבי האט געהאלטן".**

די צען טויזנט משפחות, זענען אונטער א 'דעת תורה', א רבני'שע אויטאריטעט, וואס פירט די שטאט לויט די דערמאנטע הוראות, און דער דעת תורה פון רביה"ק ז"ל איז קובע אין יעדן תחום.
די צען טויזנט משפחות, זייער שחיטה, דאס פלייש וואס מ'עסט, אלע הידורים און חומרות, איז לויט דעם רבי'נס הוראות, למהדרין מן המהדרין.
זייער עירוב איז למהדרין מן המהדרין.
זיי האבן די הוראות אין מקוואות למהדרין מן המהדרין לויט די חומרות והידורים פון רביה"ק מסאטמאר זלה"ה.
איבער 60% תושבי קרית יואל גייען אנגעטון מיט לבושי צניעות הבגדים און קאפ-צודעק לויט די הוראות פון הייליגן דברי חיים ז"ל. און דאס איז וואס איז ארויפגעקוקט און געשעצט אין די שטאט קרית יואל.
די צען טויזנט משפחות, זענען אינמיטן א גאר ריזיגע איבערגאנג ווען לבושי צניעות ביי די תלמידות, און עס גייט יעצט אריבער ביי די אינגלעך, דאס ארויפצוברענגען למעלה למעלה אויפ'ן העכסטן סטאנדארט.
**יא, קרית יואל איז א שטאט וואס אין תשפ"ה קען מען נאך זאגן הויך בריש גלי אז מ'זעט כמעט נישט אין קיין איין בית המדרש שע"י קהילה אז א מאן-דהו זאל זיך טרויען ארויסצונעמען א טמא'נע כלי אין ביהמ"ד.**
די צען טויזנט משפחות, שפירן זיך באשיצט, דירעקט צו אומדירעקט, אונטער דעם כח הנהגה פון דעם מרא דאתרא קדישא הדין, און די גיבורי כח עושי דברו, וואס האלטן א פולע קאנטראל אויף אלע עניני כשרות, ליין-מאטריאל, און כל מרעין בישין, און יעדע פירצה וואס קען זיך נאר ארייננכאפן ווערט באהאנדלט צו האלטן די "חומות העיר" בקדושה ובצניעות אויפ'ן העכסטן אופן.
און דאס איז נאר מעגליך וויבאלד דער געשטעל און געבוי פון די שטאט איז אויסגעהאמערט אויף 'סאטמארע פרינציפן', וואו די הוראות פון רבי'ן זי"ע זענען נר לרגלם און זענען מחייב די סאמע גאנצע שטאט.

## תחומין למעלה מעשרה

אסאך פרעגן:
וואס איז די סכנה ווען עס קומט א נאנטער ערליכער שכן?!
בסך הכל איז די רעדע פון ערליכע אידן, פרומע אידן, מיט געוויסע 'קליינע' שינויים: זיי האלטן נישט דער זמן פון 'רבינו תם', מ'פאלגט נישט דעם 'ויואל משה' מיט 'לימוד תורה לבנות', אביסל אנדערש די גדרי הצניעות, א צווייטע דעת תורה בנוגע אגודת ישראל, וכדו'.

דארט וואו עס איז דא איין קלארע דעת תורה, דארט בלייבט אידישקייט אומבארירט, דארט וואו עס איז נישטא קיין עירובי תחומין, איז געענדיגט די סוגיא!

דער רבי ז"ל האט געבויעט א שטעטל ווייל ער האט געוואלט פארזיכערן אז "זיין" ירושה בלייבט ארגינעל.

פופציג יאר שפעטער חודש שבט תשפ"ה איז דער "ויואל משה" נאך אלץ דער פוסק אחרון אויף גאנץ קרית יואל.

און נאך איין זאך: ווען מ'זאגט אז "דער רב האט גע'פסק'עט, דער דיין האט געהייסן", קען מען זאגן און ענטפערן "מיין רב האלט אנדערש".

און אט דאס איז דער יסודות'דיגער חילוק.

די תשובה איז זייער קלאר.

**דארט וואו עס איז דא איין קלארע דעת תורה, דארט בלייבט אידישקייט אומבארירט, דארט וואו עס איז נישטא קיין עירובי תחומין, איז געענדיגט די סוגיא!**

**דער רבי ז"ל האט געבויעט א שטעטל ווייל ער האט געוואלט פארזיכערן אז "זיין" ירושה בלייבט ארגינעל.**

**פופציג יאר שפעטער חודש שבט תשפ"ה איז דער "ויואל משה" נאך אלץ דער פוסק אחרון אויף גאנץ קרית יואל.**

נהרא נהרא ופשטי'!

יעדע קהילה קדושה בישראל איז הייליג און טייער, מיט זייער ירושה מיט זייער מסורה. און זיי דארפן פארזיכערן אז זייערע קינדער און אייניקלעך זענען ממשיך דעם וועג.

אבער, מ'דארף לייגן עירובי תחומין...

כל זמן אז א 'חסידות' מאכט זיכער נישט צו גיין אין די תחומין פון א ברודער, אדער א קרוב משפחה, בו בזמן ווען עס זענען נישטא קיין שום חילוקי מנהגים והשקפה, פשוט אלס מענטשליכע געפיל נישט צו טשעפענען יענעמס גשמיות'דיגע גרעניצן, איז זיכער אז מ'דארף רעספעקטירן אנדערע קהילות וואס זענען געבויעט אויף פעלזן פעסטע יסודות בעניני אמונות ודיעות, וחילוקי הלכה והשקפה.

קרית יואל איז יעצט דא אין א מערכה צו פארזיכערן אז דאס בלייבט א פאקט לעד ולנצח! און דער רבי זי"ע וועט בלי ספק מכיר טובה זיין יעדן איינעם וואס פארזיכערט אז זיין אייגן ווינקל, זיין אייגענע שטאט וואס ער האט אויפגעשטעלט מיט מסירות נפש און די לעצטע כוחות, פארבלייבט ווייטער "**די ויואל משה ווינקעלע**".

און דאס פארקערטע אויף פארקערט, ח"ו.